STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02827

# MAYN BUKH

Deborah Tarant

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוואירע טאַראַנט

# מיין בוך

## צווייטער לייענבוך פאַר אָנפאַנגער

ערשטע אויפלאַגע

געצייכנט פון

מאָרים פּאַס

קאָאָפּעראַטיווער פאָלקס-פאַרלאַג
פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן
ניו יאָרק, 1938.

*Copyright by the*
COOPERATIVE BOOK LEAGUE OF THE JEWISH SECTION
OF THE INTERNATIONAL WORKERS ORDER
80 Fifth Ave., New York, N. Y.
February, 1938

געדרוקט אין 5,000 עקזעמפלארן

209

# צו די לערער:

„מיין בוך” איז א פאָרזעצונג פון „מיין אַלעפבייס”. עס דאַרף באַדינען דאָס צווייטע האַלב־יאָר פונעם ערשטן קלאַס, אָדער דעם 1־ב קלאַס.

די טעקסטן זיינען צוגעפּאַסט פאַר קינדער, וועלכע קענען שוין דעם אַלעפבייס און האָבן זיך אויסגעלערנט א ביסל לייענען. די טעמאַטיק פונעם ביכל שליסט איין: נאַטור, צייטן פון יאָר, באַלייכאַיעם, קינדער־לעבן, אידישע אַרבעטער שול, אידישער שטייגער, אַרבעט, קינדער־אַרבעט, אַרבעטער־לעבן, אָרעם און רייך, אַרבעטער־יאָנטויווים, בירא־בידזשאַן און סאָוועטן־פאַרבאַנד.

טייל מאַטעריאַלן האָבן מיר אַריינגענומען צוליב זייער לעקסיק־ווערט (ווי: דער זייגער, ווי שפּעט, א קאָפּ).

ס'זיינען פאַראַן א צאָל הומאָריסטישע דערציילונגען, וויצן און רעטענישן. צוליב באַשרענקטקייט אין פּלאַץ איז ניט מעגלעך געווען איינצושליסן מער שפּראַך־איבונגען און שריפטלעכע טעקסטן. אין דעם ביכל זיינען צום ערשטן מאָל אַרויסגערוקט געוואָרן די קלאַנגען: „טש”, „זש”, דזש”, ווי אויך די אַפּאָסטראָפישע פאַר־קירצונגען, וועלכע זיינען צו שווער פאַרן ערשטן האַלב־יאָר. דאָ ווערן אויך נאָך אַמאָל אַרויסגערוקט עטלעכע שלום־אויסיעם און די „יאָטן”, וועלכע זיינען שוין אַרויסגערוקט געווען אין „מיין אַלעפבייס”.

די צוזאַמענשטעלערן איז דאַנקבאַר אַלע מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע, און א גאַנצע ריי לערער, וועלכע האָבן געהאָלפן מיט זייערע קאָנסטרוקטיווע אייצעס; א ספּעציעלן דאַנק כ' איטשע גאָלדבערגן, פאַר זיין הילף באַם רעדאַגירן דאָס בוך.

די צוזאַמענשטעלערן .

# אינהאַלט


פעטער שנייער—מאַני לייב — 5
גוט מאָרגן—לאַנדינסקי — 6
דעם ווינטערס שטיק—פאָלק-מייסע — 7
אַ ווינטער-ליד—ד. טשאַרני — 8
ס'איז פינצטער — 9
דער ווינטער—ש. וואַסערמאַן 10
מיכל מיטן ביכל—סאָוועטיש — 11
אַ רעטעניש—י. קאַמינסקי — 12
בערל אין שול—מ. א. סול — 13
דער טאַטע אָן אַרבעט — 14
ווער בין איך? — 15
ווער בין איך? — 16
דאָס ברויט — 17
אַ ליגן — 18
דאָס קלוגע שניידערל—פאָלק-מייסע — 19
אַפן גליטש—מאַני לייב — 20
לעמעך גייט זיך גליטשן—ל. עלבע — 21
דער זייגער—מ. שיפרים — 23
ווי שפעט איז? — 24
דער שלאָף—מאַני לייב — 25
אַ סטרייק — 26
ווילי און טילי—ב. פרידמאַן — 27
אַ גוטער שאָכן—א. שינדלער — 28
אַ וואַסער לויפט—מ. נאַדיר — 30
די זשאַבע און דער אָקס—עזאָפ 31
דעם טאַטנס ברייוועלע—ליטמאַן 32
קינדער—ר. גאַלין — 33
דער האָז זוכט זיין נאָז—באַווער-פאַווער — 34
אַ שמועס—ק. בענון — 36
צום זיידן אַף לאַטקעס—ל. עלבע 37
ווי לעמעך האַלט געלט—ל. עלבע 39
דאָס ליד פון לוים—י. ל. פערעץ 41
די זון, די לעוואָנע און דער האָז—„גרינינקע ביימעלעך" 42
דער קליינער שיכפוצער—ל. האָפמאַן — 43
אַ קאָפ — 44
היימי און די יוניאָן — 45
שיכעלעך—ק. מאָלאָדאָווסקי — 48
דאָס קליינע רויטע הינדל, איבערזעצט פון א. לייב — 49
פרילינג—ש. פרוג — 51
אַ וויץ—לויט באָסטאָמסקי — 51
מען לויפט אין דער אידישער אַרבעטער-שול — 52
ערשטער מיי — 54
דער ערשטער קלאַס האָט אויסגעפירט — 54
אַ וואָך מיט אַרבעט—באַסטאָמסקי — 56
אַלע קינדער שפילן זיך—נ. ווייסמאַן — 57
די מאַמע—פון רוסיש — 58
מוטער-טאָג — 58
די בעסטע מאַמע—לויט ל. טאָלסטאָי — 59
אַ וויץ—באַסטאָמסקי — 59
דער מאַמעס מייסעס—ז. ווינפער — 60
איך האָב ליב מאָלן—שאָלעם-אַליכעם — 61
די פויגל קומען צוריק—ל. קוויטקאָ — 62
אוי, אַ פייגעלע—שאָלעם-אַליכעם — 62
דער יעגער—י. ל. פערעץ — 64
ווי לעמעך האָט געפונען נאָך אַ לעמעך—ל. עלבע — 65
פעטער פעטער—ב. גוטיאַנסקי 66
אַ קיעלע—זוני מאָוד — 67
אַ מאָדנע הינדעלע — 68
בעלעמער וויצן—באַסטאָמסקי — 69
אַ רעגן—ר. גאַלין — 70
דער העלדישער אינגל—ד'אַמיטשיס — 70
זומער-לעב—סאָרע באַרקאַן — 72
מאָטעלע פון בירא-בידזשאַן—לויט ש. דאַווידמאַן — 73
די ציַיטן פון יאָר—נ. ווייסמאַן 77
קלוגע ענטפערס—א. מייזל — 78
קיין בירא-בידזשאַן—מאַלקע לי 79

# פּעטער שנייער

גלעקלעך קלינגען: גלין, גלין גלאָן
אין די ווייסע ווייטן.
אימיץ קומט אַ ווייסער אָן
אַף אַ גרויסן שליטן.

קליפּ-קלאַפּ! קליפּ-קלאַפּ! באַלעבאָס,
עפן אויף דעם טויער.
קליפּ-קלאַפּ! קליפּ-קלאַפּ! ווער איז דאָס?
— איך, דער פּעטער שנייער.

עס גייט אַוועק ________

עס קומט ________

1. דער ווינטער. 2. דער האַרבסט.

# גוט מאָרגן!

עס שלאָפט די זון אַ גאַנצע נאַכט.
באַגינען שטייט זי אויף און לאַכט.
איך רייב זיך אויך די אויגן אויס
און שריי נאָך פון מיין בעט אַרויס:
גוט מאָרגן! גוט מאָרגן!

## ווען זאָגט מען?

| | |
|---|---|
| גוט מאָרגן. | אַ גוטע נאַכט. |
| אַ גוטן טאָג. | אַנטשולדיקט. |
| גוטן אָוונט. | אַ דאַנק. |

# דעם ווינטערס שטיק

דער ווינטער האָט געוואָלט אַלעמען פאַרפרירן. האָט ער גע-שיקט אַ פראָסט אַף די פייגעלעך. זיינען זיי אַוועקגעפלויגן אין די וואַרעמע לענדער.

איז דער ווינטער אַוועק צו די כייעס אין וואַלד. האָבן די כייעס אָנגעטאָן זיך אין וואַרעמע פוטערס. אַנדערע זיינען פאַר-קראָכן אין גריבער אין דער ערד און האָבן זיך געלייגט שלאָפן.



האָט דער ווינטער פאַרפראָרן דעם טייך. אָבער די פישעלעך האָבן זיך באַהאַלטן אונטער דעם אייז און האָבן געלאַכט פון דעם אַלטן ווינטער.



האָט דער ווינטער געשיקט אַ פראָסט נאָך אַ פראָסט צו פאַר-פרירן די מענטשן.

האָבן קינדער אָנגעטאָן וואַרעמע קליידער און שיך, גע-נומען זייערע שליטעלעך און זיינען אַוועק זיך שליטלען.

פראָסט

פרירן

# אַ ווינטער ליד

דער ווינטער איז געקומען,
דער שניי פליט און פליט,
מיר זיצן אין צימער
און זינגען אַ ליד.

זאָל שנייען און דרייען
אַן אויפהער אין גאַס,
דער ווינטער וועט זיין אונדז
אַ טייערער גאַסט.

אַ ליד און אַ שפּיל,
און אַ טענצל דערביי —
מיר פרייען זיך אַלע,
ווי ס׳וואָלט געווען מיי.

## אַ רעטעניש

אין דער לופט פליט עס,
אַף דער ערד ליגט עס,
אַף דער האַנט צעגייט עס,
ווער ס׳איז קלוג, פאַרשטייט עס.

# עס איז — ס׳איז

## ס׳איז פֿינצטער!

מאַמע: עטל, ס׳איז שוין צייט צו טאָן די היים-אַרבעט.

עטל: ס׳איז פֿינצטער, מאַמע.

מאַמע: אַז ס׳איז פֿינצטער, טאָ מאַך ליכטיק.

עטל: וואו איז דער לאָמפּ?

מאַמע: ער איז אויפֿן טיש, בײַ דײַן רעכטער האַנט.

עטל: אַז ס׳איז פֿינצטער, טאָ ווי קען איך זען, וואו ס׳איז מײַן רעכטע האַנט, און וואו ס׳איז מײַן לינקע האַנט?

פֿון איינס – צוויי:

דער טאַטע – די טאַטעס.

די מאַמע – די ______.

די באָבע – די ______.

דער זיידע – די ______.

## דער ווינטער

— סטוק — סטוק — סטוק!
קלאַפּט דער ווינטער אין דער טיר.
— סטוק — סטוק — סטוק!
קינדער שיינע, עפנט מיר!

ס'איז צו פרי נאָך, ליבער ווינטער,
גיי געזונטערהייט!
מיר האָבן נאָך קיין שיכלעך ניט
און ניט קיין וואַרעם קלייד.

מיר האָבן נאָך קיין צודעק ניט,
אַפילע ניט קיין בעט.
און דו ביסט אַזאַ קאַלטער,
גיי זיך דיר אַוועק!

# מיכל מיטן ביכל

גייט מיכל אין שול און פאַרלירט זיין ביכל. אַ נײַ ביכל. זוכט ער דאָ, זוכט ער דאָרט — ניטאָ און ניטאָ.

די מאַמע גיט עסן, נאָר מיכלען גייט קיין עסן ניט.

לייגט זיך מיכל שלאָפן און טראַכט אַלץ וועגן זיין ביכל.

פלוצלונג זעט ער — זיין ביכל ליגט אַף דער גאַס. אַ קאַלטער ווינט בלאָזט. רייסט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל. די בלעטלעך פליען. וויל זיי מיכל כאַפן. לויפט ער און יאָגט און פאַלט.

ער כאַפט זיך אויף — ערשט ער ליגט אַ הוילער, און די קאָלדרע איז אַף דער ערד. דעקט ער זיך צו און שלאָפט ווייטער.

אינדערפרי שטייט מיכל אויף און גייט אין שול אָן אַ ביכל.

פרעגן אים די קינדער:

— מיכל, וואו איז דיין ביכל?
שווייגט מיכל.
נאָר דאָ גייט צו אַ אינגל מיט אַ ביכל און זאָגט:
— איך האָב געפונען אַ ביכל.
שרייט מיכל:
— גיב אָפּ, ס׳איז מיין ביכל!
— זאָג אַ סימען!
— אָט איז דאָך מיין נאָמען.
— ריכטיק, דיין ביכל, נאַ!

## ?

ניט קיין בוים און האָט בלעטער,
ניט קיין מענטש און האָט אַ רוקן.

## אַ רעטעניש

מיט בלעטער, שוואַרץ און ווייס ——
דו ביסט פול און פול מיט נייעס.
ווען איך וויל נאָר עפּעס וויסן;
קען איך עס פון דיר געניסן.

בונ׳

## יאַ יאַט

# בערל אין שול

בערל איז אין שול געקומען,
צו דער אַרבעט זיך גענומען.
בערל איז אַ יאַט אַזאַ,
כאַ-כאַ, כאַ-כאַ-כאַ, כאַ!
בערל איז אַ יאַט אַזאַ,
כאַ-כאַ, כאַ-כאַ-כאַ, כאַ!

אידיש רעדן, אידיש לייענען,
אַלץ, אַלץ וויל ער קענען,
בערל איז אַ יאַט אַזאַ,
כאַ-כאַ, כאַ-כאַ-כאַ, כאַ!

זינגען, מאָלן, טאַנצן, שרייבן,
בערלען דאַרף מען גאָר ניט טרייבן.
בערל איז אַ יאַט אַזאַ,
כאַ-כאַ, כאַ-כאַ-כאַ, כאַ!

ער האָט ליב צו דעקלאַמירן,
אַף פּאַראַדן צו מאַרשירן,
בערל איז אַ יאַט אַזאַ,
כאַ-כאַ, כאַ-כאַ-כאַ, כאַ!

# דער טאַטע און אַרבעט

איך האָב געבעטן מײַן מאַמען:

— קויף מיר, מאַמע, אַ פּאָר שיך.

האָט די מאַמע געענטפערט:

— אַז דער טאַטע וועט קריגן אַרבעט, וועל איך דיר קויפן.

איך האָב געבעטן מײַן טאַטן:

— טאַטע, קויף מיר אַ נײַעם מאַנטל, אין מײַן אַלטן איז קאַלט.

האָט מיר דער טאַטע געזאָגט:

— ווען איך וועל אָנהייבן אַרבעטן, וועל איך שוין קויפן!

מײַן שוועסטערל מיני האָט געוויינט. האָב איך איר געזאָגט:

— וויין ניט, מיני. אַז דער טאַטע וועט קריגן אַרבעט, וועל איך דיר קויפן אַ לאַליפּאַפּ.

האָט מיני געפרעגט:

— פאַרוואָס האָט דער טאַטע ניט קיין אַרבעט?

שטעל אַ צייכן באַם ריכטיקן ענטפער:

דער טאַטע האָט ניט געהאַט קיין געלט,

☐ ווייל ער האָט ניט געוואָלט אַרבעטן.

☐ ווייל ער איז געווען אַרבעטלאָז.

☐ ווייל ער האָט פאַרלאָרן זיין געלט

# ווער בין איך?

איך שטיי אויף אינמיטן נאַכט.
ווען איר, קינדער, שלאָפֿט נאָך,
פֿאָר איך שוין אַרום איבער די גאַסן.
איך שטעל זיך אָפּ באַ די טירן פֿון די הייזער.
איך לויף אַרויף אַף די טרעפּ.
איך לאָז איבער באַ יעדער טיר אַ פֿלאַש.
דאָס איז פֿאַר אייך, קינדער,
איר זאָלט וואַקסן געזונט און שטאַרק!
איך אַרבעט שווער.
ווער בין איך?

# ווער בין איך?

איך עפן אויף מיין קראָם זייער פרי.
פון אינדערפרי ביז באַנאַכט
קומען אייערע מאַמעס.
זיי קויפן פוטער און קעז,
זיי קויפן צוקער און טיי,
זיי קויפן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.
איך פאַרמאַך די קראָם זייער שפּעט.
איך אַרבעט שווער.
ווער בין איך?

לאָמיר מאַכן רעטענישן וועגן לאָנדרימאַן, גאַסנקערער, מיינער און אַנדערע אַרבעטער.

# דאָס ברויט

— מאַמע, גיב מיר אַ שטיקל ברויט.

— גיי, מיין קינד, צום בעקער, וועט ער דיר אויסבאַקן אַ ברויט.

— בעקער, בעקער, באַק מיר אויס אַ ברויט!



— גיי, מיין קינד, צום מילנער, וועט ער דיר געבן מעל, וועל איך דיר אויסבאַקן אַ ברויט.

— מילנער, מילנער, גיב מיר אַ ביסל מעל!

— גיי, אינגעלע, צום פּאַרמער, וועט ער דיר געבן ווייץ, וועל איך עס אָפּמאָלן און וועל דיר געבן מעל.

— פּאַרמער, פּאַרמער, גיב מיר אַ ביסל ווייץ!



— גיי, אינגעלע, אין פעלד. גע-פין דאָרטן זאַנגען און ברענג זיי צו מיר. וועל איך זיי אויסדרעשן און געבן דיר ווייץ.

איז דאָס קינד געגאַנגען אין פעלד און געפונען דאָרטן זאַנגען. ער האָט זיי געבראַכט צום פּאַרמער. האָט דער פּאַרמער זיי אויסגעדראָשן און געגעבן אים אַ ביסל ווייץ.

פון פּאַרמער איז ער אַוועק צום מילנער אין מיל, און פון מילנער — צום בעקער אין בעקעריי. אַזוי האָט ער געקראָגן זיין שטיקל ברויט.

| וי הויז | אוי אויג |
|---|---|

# אַ ליגן

אין דער אידישער אַרבעטער שול.

דער לערער האָט אָנגעשריבן אַפֿן ברעט דאָס וואָרט: „הויז" און האָט געזאָגט צו די קינדער:

— איך זעט, קינדער, אָט דאָס איז: „הויז". —

סימאָר איז ערשט אָנגעקומען אין שול. ער האָט נאָך ניט געקאָנט לייענען און שרייבן.

האָט ער געקוקט און געקוקט אַפֿן ברעט און ניט געזען דאָרטן קיין הויז. ער האָט אַ רייב געטאָן די אויגן, עפּשער זעט ער ניט גוט. ניין, ס'איז פֿאָרט ניט קיין שטוב.

— ס'איז אַ ליגן, — האָט ער שטיל געזאָגט צו זיין שאָכן.

דער לערער האָט דערהערט און האָט גע-פֿרעגט:

— אַ ליגן? וואָס איז אַ ליגן?

— אַז אַפֿן ברעט איז אַ הויז, — האָט סימאָר געענטפֿערט.

אַלע קינדער האָבן זיך צעלאַכט.

| איך | מיר |
|---|---|
| איך לערן | מיר לערנען |
| איך עס | מיר ——— |
| איך שלאָף | מיר ——— |

# דאָס קלוגע שניידערל

אַמאָל איז געווען אַ קעניג. האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טאָן און אים איז געווען אומעטיק. ער האָט געטראַכט און געטראַכט, ווי אַזוי זיך צו מאַכן פריילעך.

— ווער עס וועט מיר זאָגן אַזאַ ליגן, איך זאָל מוזן אויסשרייען: ס׳איז אַ ליגן, דעם וועל איך געבן אַ זאַק מיט גאָלד. — האָט ער געלאָזט וויסן אַלע מענטשן איבערן לאַנד.

אַ סאַך מענטשן זיינען געקומען און האָבן אים געזאָגט פאַרשיידענע ליגנס, אָבער דער קעניג האָט זיי אויסגעהערט און גאָרנישט געענטפערט.

איינמאָל איז געקומען אַ שניידערל און האָט געזאָגט צום קעניג:

— איך בין געקומען אָפּנעמען אַ זאַק מיט גאָלד, וואָס דו ביסט מיר שולדיק.

דער קעניג איז אויפגעשפרונגען: „ס׳איז אַ ליגן, איך בין דיר גאָרנישט שולדיק!“

— נו, אויב ס׳איז אַ ליגן, דאַרפסטו דאָך מיר אַוודאי געבן אַ זאַק מיט גאָלד. — האָט געענטפערט דאָס קלוגע שניידערל.

| ער לייענט | זיי לייענען |
|---|---|
| זי לאַכט ——— | זיי ——— |
| זי אַרבעט ——— | זיי ——— |

# אַפֿן גלִיטש

און דעם טייך וואָס איז געפֿלאָסן,
איבער ברעגן זיך צעגאָסן, —
האָט דער פֿראָסט, די רויטע נאָז,
איינגעפֿראָרן ווי אַ גלאָז.

קומען אינגלעך שרייער, קוויטשער,
פֿליען, דרייען זיך אַף גליטשער;
און דאָס אייז — בלוי און ווייך,
ווי דער הימל אין דער הויך.

קומען אינגלעך, דרייען, שלעפּן,
קייקלען קלעצער שניי און קלעפּן
פּעטער שנייערס, גוט און וואויל,
מיט אַ נאָז און מיט אַ מויל.

שטיפער אין די גרויסע היטלעך,
פֿליען באַרג אַראָפּ אַף שליטלעך
מיט אַ פֿייף און אַ געשריי,
קוליע, קוליע, און אין שניי!

גליטש                                                                                                                        טש

# לעמעך גייט זיך גליטשן



לעמעך האָט גענומען זיינע נייע גליטשערס און איז אַוועק זיך גליטשן. גייט ער און טראַכט, וואָס זאָל ער טאָן, ער זאָל ניט פאַלן אַפן גליטש.

גייט ער פאַרביי אַ הויז און זעט: עס שטייט אַ מאַן און וואַרפט אַש לעבן זיין הויז.

פרעגט לעמעך: — וואָס טוט איר דאָ?

ענטפערט דער מאַן: — דו זעסט דאָך, אַז ס'איז גליטשיק, וואַרף איך אָן אַש, מענטשן זאָלן ניט פאַלן.

זאָגט לעמעך: — טאָ גיט מיר טאָקע אַ ביסל אַש, איך וועל עס אָנוואַרפן אַפן גליטש, וועל איך ניט פאַלן.

גיט דער מאַן אַ שמייכל: — איך זע, אינגל, אַז דו ביסט אַ גרויסער כאָכעם. ווי רופט מען דיך?

זאָגט לעמעך: — לעמעך, רופט מען מיך.—

— אַ פיינער נאָמען, לעמעך, ער פּאַסט דיר זייער. — זאָגט דער מאַן.

— אַ דאַנק, — זאָגט לעמעך, — גיט זשע מיר אַ ביסל אַש, און איך וועל גיין.

— נאַ דיר עס אינגאַנצן, לעמעך, איך דאַרף שוין מער ניט.

איז לעמער געקומען אַפן גליטש און האָט גלייך גענומען וואַרפן אַף אים אַש.

האָט דער מאַן, וואָס גיט אַכטונג אַפן גליטש, גענומען אַף אים שרייען: — היי, אינגל, וואָס טוסטו דאָ?

— איך וואַרף אַש, קעדיי איך זאָל ניט פאַלן!
צעלאַכן זיך אַלע.

מאַכט לעמער: — וואָס זשע לאַכט איר? איך האָב אַליין געזען, ווי אַ מאַן האָט געוואָרפן אַש, מען זאָל ניט פאַלן.

האָבן אַלע גענומען נאָכמער לאַכן און האָבן געפרעגט לעמערן, ווי מען רופט אים. ווען ער האָט זיי געזאָגט זיין נאָמען, האָבן זיי געלאַכט אַלץ מער און מער, און זיי לאַכן נאָך עפשער ביז היינטיקן טאָג.

שטעל אַריין „טש“:

בײ—, פּײ—, מענ—

—ערעפּע, ווע—ערע, —ײניק.




## דער זייגער

דער זייגער וועקט מיך אויף
אין שול אַריין צו גיין —
אָבער ער אַליין
בלייבט אינדערהיים.
ער ציילט פֿון איינס ביז צוועלף —
ער קען ניט מער —
אָבער איך קען ציילן
אַ סאַך מאָל מער.

### ווער בין איך?

1. איך האָב ניט קיין פֿיס און גיי,
איך האָב ניט קיין מויל און צייל,
איך האָב ניט קיין הענט און שלאָג.

2. איך גיי און גיי
און ריר זיך ניט פֿון אָרט.



# ווי שפּעט איז?

איך שטיי אויף ______

איך גיי אין סקול ______

איך לייג זיך שלאָפֿן ______

וויפֿיל שטונדן שלאָפֿסטו? ______

וויפֿיל שטונדן שפּילסט זיך? ______

וויפֿיל שטונדן לערנסטו זיך? ______

## אַ וויץ

איציק: מאַמע, איך האָב אַראָפּגעוואָרפֿן דעם זייגער!

מאַמע: ווײַ איז מיר, גיב אַ קוק, צי ער גייט!

איציק: ניין, מאַמע, ער ליגט און רירט זיך ניט פֿון אָרט.

# דער שלאָף

אַז דער ליבער טאָג פֿאַרגייט,
און אין מיירעוו-זייט ווערט רויט,
קומט דער אָוונט שטיל אַרויס
און גייט אום גאַס-איין, גאַס-אויס.

לייכט אַ לאָמפּ אין יעדן הויז,
זעצן זיך די קינדער אויס
אַרום טיש און רעדן ניט;
עסן, טרינקען, וואָס מען גיט.

און אַז קינדער עסן נאָך,
מאַכט דער שלאָף דערווייל אַ לאָך
ערגעץ אונטער בעט אין דיל,
שאַרט פֿון לאָך זיך שטיל-שטיל-שטיל.

זעט ער: קינדער עסן אָפּ,
עסן אָפּ און טרינקען אָפּ —
קריכט דער שלאָף פֿון לאָך אַרויס,
שאַרט זיך בײַ די ווענט פֿון הויז,

קריכט אין שיין פֿון לאָמפּ אַריין,
רוימט פֿון שיין צו מאַמעס איין:
— „האָט איר קינדער קליין און שיין —
איז שוין צייט צו שלאָפֿן גיין״...

און די קינדער גוט און פֿיין
לייגן זיך אין בעט אַריין,
מאַכן זיך די אייגלעך צו,
שלאָפֿן איין אין גוטער רו...

# אַ סטרייק

די מאַמע האָט געשיקט עטלען קויפן ברויט. איז עטל אַוועקגעלאָפן און איז געקומען צוריק מיט ליידיקע הענט.

— מאַמע, מאַמע, — האָט זי געשריען נאָך פון גאַס, — איך האָב ניט געקאָנט קויפן קיין ברויט!

— פאַרוואָס עפּעס, עטל?

— לעבן בעקערײַ גייען אַרום אַ סאַך מענטשן אין אַ ריי און שרייען, מען זאָל ניט קויפן קיין ברויט. זיי טראָגן גרויסע שילדן, און עס איז אָנגעשריבן אויף זיי: „סטרייק". וואָס מיינט עס, מאַמע?

— עס מיינט, עטעלע, אַז דער באַלעבאָס צאָלט ניט די אַרבעטער גענוג געלט פאַר זייער אַרבעט. אַרבעטן זיי ניט, ביז ער וועט זיי געבן מער געלט. דאָס הייסט „סטרייק".

— טאָ פאַרוואָס שרייען זיי, מיר זאָלן ניט קויפן קיין ברויט?

— ווען דער באַלעבאָס וועט זען, אַז מיר קויפן ניט קיין ברויט, וועט ער פאַרשטיין, אַז מיר זיינען מיט די אַרבעטער. דאַן וועט ער זיי מוזן נאָכגעבן.

עטל האָט זיך פאַרטראַכט. אירע בלויע אויגן זיינען געוואָרן ערנסט:

— ווייסטו וואָס, מאַמע? היינט וועלן מיר עסן וועטשערע אָן ברויט!

די מאַמע האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ קוש געטאָן איר קלוג טעכטערל.

# ווילי און טילי

אַז ווילי זאָגט: ווייניק,
זאָגט טילי: אַ סך.
אַז ווילי זאָגט: ווייַן,
זאָגט טילי: ________.

אַז ווילי זאָגט: נײַ,
זאָגט טילי: ________.
אַז ווילי זאָגט: וואַרעם,
זאָגט טילי: ________.

אַז ווילי זאָגט: מען מעג,
זאָגט טילי: מען ________.
אַז ווילי זאָגט: עפּעס,
זאָגט טילי: ________.

אַז ווילי זאָגט: צוויי,
זאָגט טילי: ________.
ווילי מיט טילין
אַלעמאָל ווי הענער.

טאָר ניט, איינער, לאַך, קאַלט, גאָרניט, אַלט.

# אַ גוטער שאָכן

אַמאָל, אַמאָל האָט אַ קעניג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע אידן זאָלן פאַרטריבן ווערן פון לאַנד.

די אידן האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייערע היימען און זייער האָב און גוטס אין אַ פּאָר טעג. זיי האָבן גאָרנישט געקאָנט מיטנעמען.

איינער, אַ איד, האָט געהאַט געלט און צירונג. איז ער אַוועק מיט דעם צו זיין שאָכן, אַ קריסט, און האָט אים געבעטן, ער זאָל עס באַהאַלטן, ביז ער וועט קענען צוריקקומען. דער קריסט האָט צוגע-זאָגט צו היטן דעם אידנס פאַרמעגן, און דער איד איז אַוועק מיט אַלע פאַרטריבענע אידן אין אַן אַנדער לאַנד.

מיט יאָרן שפּעטער איז דער קעניג געשטאָרבן. דער נייער קעניג האָט דערלויבט די פאַרטריבענע אידן צוריקצוקומען אין זייער לאַנד.

דער איד, וואָס האָט איבערגעלאָזט זיין פאַר-מעגן באַם שאָכן, איז אויך צוריקגעקומען מיט אַלע אידן. ווען ער איז געקומען צו די שכיינים האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער שאָכן, באַ וועמען ער האָט איבערגעלאָזט זיין פאַרמעגן, איז געוואָרן אַ גרוי-סער אָרעמאַן. ער וואוינט ערגעץ זייער ווייט אין אַ שטיבל הינטער דער שטאָט.

דעם אידן האָט זייער פאַרדראָסן, וואָס זיין פריינט איז געוואָרן אַן אָרעמאַן. איז ער אַוועק אים אויפזוכן און זען, וואָס ער מאַכט.

ער האָט געפונען זיין פריינט אין אַ קאַלט, נידעריק שטיבל. דער פריינט איז געווען הונגעריק און האָט געציטערט פון קעלט. ווען דער איד האָט דערזען אַזאַ אָרעמקייט, האָט ער שוין ניט געוואָלט דערמאָנען וועגן זיין געלט און צירונג.

דער פריינט אָבער האָט באַלד געעפנט אַ קאַסטן און האָט געזאָגט:

— אָט איז דיין גאַנץ פאַרמעגן! איך האָב עס פאַר דיר אָפגעהיט.

— וואָס? — האָט דער איד אויסגעשריען. — דו לעבסט אין אַזאַ אָרעמקייט און האָסט אַפילע ניט אָנגערירט מיין געלט?

— אַוואַדע ניט,—האָט דער פריינט געענטפערט. — דו האָסט עס מיר געטרויט, און איך האָב דיר צוגעזאָגט עס אָפצוהיטן.

— דו ביסט אַ גוטער פריינט, — האָט געזאָגט דער איד. — מער וועסטו שוין ניט דאַרפן לעבן אין אַזאַ אָרעמקייט.

ער האָט אָפגעגעבן אַ העלפט פון זיין פאַרמעגן צו דעם שאָכן, און זיי האָבן געלעבט אין פריינט-שאַפט און ברידערלעכקייט.

# אַ וואַסער לויפֿט

אַ וואַסער לויפֿט אַרום אַ גאַנצן טאָג
און באַנאַכט קומט עס ערשט ניט אַהיים.
און זיין מאַמע
זאָרגט גאָרנישט.
ווען איך לויף אַרום אַ גאַנצן טאָג
און קום באַנאַכט ערשט ניט אַהיים,
וואָלט מיין מאַמע מיך
גוט אָנגעפּאַטשט.

געפֿין דאָס קליינע וואָרט
אין דעם גרויסן וואָרט :

לויפט-לויף — צעמישט - מישט
קויפט — פּוטער —
זייגע — פלאַוק —
שנייעלע — באַנאַכט —
זוניק — אַהיים —

# זש זשאַבע



## די זשאַבע און דער אָקס

אַ זשאַבע האָט אַמאָל דערזען אַן אָקס. דער אָקס איז געווען זייער אַ גרויסער. די זשאַבע איז געווען זייער קליין. זאָגט די זשאַבע צום אָקס:

— זיי ניט אַזוי שטאָלץ! איך קען זיין אַזוי גרויס ווי דו!

האָט דער אָקס געענטפערט דער זשאַבע:

— איך בין גאָר ניט שטאָלץ מיט מיין גרויס! אָבער אַ זשאַבע קען ניט זיין אַזוי גרויס ווי אַן אָקס.

וואָס זשע האָט די זשאַבע געטאָן?

זי האָט זיך גענומען בלאָזן און אָנבלאָזן, שטאַרק און שטאַרקער, אַזוי לאַנג און אַזוי גרויס — ביז די זשאַבע האָט געפּלאַצט.

שטעל אריין **זש**:

סאָ——ע　　　　סאַ——עלקע

——אַ　　　　——וק.

# דעם טאַטנס בריוועלע

ראָכעלע האָט אָנגעטאָן דעם ברודערס היטל, איז אַרויס אין גאַס און האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— ווער איז? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— דער בריוטרעגער.

— וואָס וויל ער?

— געבראַכט אַ בריוועלע פון אייער טאָכטער, ראָכעלען.

די מאַמע עפנט די טיר, און ראָכעלע גיט איר אַ שטיקל פּאַפּיר.

— דאָס איז דיין בריוועלע?

— יאָ.

— ס'איז דאָך גאָרנישט אָנגעשריבן!

— גייט, איך קען ניט לייענען.

— גוט, — זאָגט די מאַמע: — טאָ לייען איבער, וואָס דו שרייבסט. —

ראָכעלע נעמט דאָס פּאַפּירל אין האַנט און זאָגט:

— אייער טאָכטער שרייבט אַזוי: ליבע מאַמע, איך האָב דיך זייער ליב.

די מאַמע נעמט דאָס פּאַפּירעלע און טראָגט צו צום טאַטן: — זעסט, אַ בריוו פון אונדזער טאָכטער, ראָכעלען.

דער טאַטע גיט אַ קוק אַפן בריוו און זאָגט: — אָט וועל איך אָנשרייבן אַ בריוו פאַר איר.

ער נעמט אַ שטיקל פּאַפּיר, שרייבט עפּעס אָן מיט זיין בלייפעדער און גיט עס ראָכעלען.

— וואָס איז דאָ אָנגעשריבן אין בריוועלע? פרעגט ראָכעלע.

— לייען אַליין, — זאָגט דער טאַטע.

— איך קען ניט לייענען קיין אידיש,—ענטפערט ראָכעלע.

— טאָ גיי אין שול, לערן זיך אויס!

## קינדער

קינדערלעך פון אַפריקע,

קינדער פון יאַפּאַן;

וואו עס זיינען קינדערלעך,

דאָרט איז פרייד פאַראַן.

אַלע קליינע קינדערלעך

זיינען קלוג און שיין,

שוואַרצינקע און ווייסינקע,

אַלע פול מיט כיין.

# דער האָז זוכט זיין נאָז

איז דער ווינטער געקומען, האָט אַ ווינט אָנ-
געהויבן צו ברומען. איז געוואָרן שטאַרק קאַלט
אין גרויסן וואַלד . . .

איינמאָל אין אַ טאָג, האָט דער פראָסט אין וואַלד
דערזען אַ האָז. האָט ער גענומען און אָפּגעפראָרן
זיין נאָז.

האָט גענומען דער האָז און זיך
שטאַרק צעוויינט: אַף אייביק
אַנטלאָפן די נאָז, האָט ער גע-
מיינט... פּלוצלונג זעט ער: לויפט
אַן אייזל. פרעגט ער אים: וואו איז ערגעץ מיין
נעזל? מאַכט דער אייזל: — ווי אַזוי קען איך וויסן,
אַז בײַ מיר האָט אויך דער פראָסט

מיין נאָז אָפּגעביסן. איך זוך שוין
צוויי שאָ און מיין נאָז איז נאָך אַלץ
ניטאָ.

גייען זיי און גייען, ביז זיי האָבן
אַ פוקס דערזען. האָט דער פוקס זיי געגעבן אַ
פרעג: — וואָס וויינט איר מיט אַזוינע גרויסע
טרערן? דערציילט מיר, לאָמיך הערן.

זאָגן זיי: — וואָס קענען מיר דיר דערציילן, אַז דער פראָסט האָט צוגעכאַפּט באַ אונדז די נעז? באַ קומט דער פוקס אַף זיי ראַב־מאָנעס און זאָגט: אויב איר וועט מיר געבן מאַטאָנעס, וועל איך געפינען אייערע נעז.

ניט ווייט פון וואַלד שטייט אַ שטוב. אין דער שטוב וואוינט אַ איד, וואָס שמעקט טאַבאַק און זינגט אַ ליד. איז דער פוקס געגאַנגען צום אידן און האָט אים געזאָגט: ווען דו וועסט מיר געבן טאַבאַק אַ שמעק, וועל איך פון דיינע הינער ניט טאָן קיין לעק. האָט דער איד אים געגעבן טאַבאַק אַ שמעק. האָט יעדערער געגעבן אַ שמעק און אַזאַ ניס, אַז ער האָט אָנגעהויבן דרייען מיטן עק און טופּען מיט די פיס. דאַן האָט יעדערער דער־פילט, אַז ער האָט אַ נאָז.

## ווער איז ער?

ניט קיין פייער, נאָר ער ברענט,

רייסט דאָס אויער, כאַטש אָן הענט.

דער פראָסט.

# אַ שמועס

דזשעק: טרעף, וואָס איך האָב אין קעשענע.

דזשעני: וואָס פאַר אַ קאָליר איז עס?

דזשעק: עס האָט ניט קיין קאָליר.

דזשעני: איז עס ווייך אָדער האַרט?

דזשעק: ניט ווייך און ניט האַרט.

דזשעני: איז עס געשמאַק צום עסן?

דזשעק: מען קען עס ניט עסן.

דזשעני: וואו האָסטו עס גענומען?

דזשעק: איך האָב עס ניט גענומען.

דזשעני: ווי אַזוי קומט עס צו דיר אין קעשענע?

דזשעק: עס איז דאָרטן אויסגעוואַקסן.

דזשעני: גיי, דו האָסט גאָרנישט אין קעשענע!

דזשעק: איך זאָג דיר, אַז יאָ!

דזשעני: טאָ, נעם עס אַרויס!

דזשעק: איך קען עס ניט אַרויסנעמען.

דזשעני: זאָג-זשע מיר, וואָס עס איז!

דזשעק: אַ לאָך!

| דזשעני | דזשעק | דזש |
|---|---|---|

# צום זיידן אַף לאַטקעס

— היינט, זונעלע, וועסטו גיין פריער שלאָפן, ווייל מאָרגן איז כאַנוקע און מאָרגן וועלן מיר גיין צום זיידן אַף לאַטקעס.

אַזוי האָט געזאָגט די מאַמע צום אינגעלע מיטן רינגעלע. דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע האָט זיך זייער געפרייט, וואָס ער וועט מאָרגן גיין צום זיידן אַף לאַטקעס. האָט ער באַלד געזאָגט „אַ גוטע נאַכט" דער מאַמען און דעם טאַטן און איז אַוועק שלאָפן.

שלאָפט ער אַזוי און שלאָפט און ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געלייענט אַ מייסע וועגן אַ מיילעך, גיט ער אַ דריי זיין קישעף-רינגעלע און גייט צום מיילעך. גייט ער אַזוי און גייט, ערשט עס קומט אים אַן אַנטקעגן דער זיידע. פרעגט אים דער זיידע: — וואוהין גייסטו?

ענטפערט אינגעלע-רינגעלע:

— איך גיי צום מיילעך אין פאַלאַץ!

זאָגט דער זיידע:

— וואַרט נאָר, איך וועל דיר דערציילן אַ מייסע מיט אַ מיילעך, וועסטו זען אַז ס'איז גאָרניט אַזוי פריילעך!

דערציילט אים דער זיידע:

— אַמאָל איז געווען אַ מיילעך, זייער אַ שלעכ-טער. האָט ער אַלע אידן געהאַרגעט און געשלאָגן און מער האָט מען שוין ניט געקאָנט פאַרטראָגן.

איז אויפגעשטאַנען איינער, אַ הויכער און אַ שיינער און האָט געזאָגט צו אַלעמען: „לאָמיר גיין זיך אַנטקעגן שטעלן דעם מיילעך, וועט ער אונדז שוין מער ניט שלאָגן.” האָבן אַלע געזאָגט: „לאָמיר גיין, לאָמיר גיין!” און זיי זיינען אַוועק זיך אַנטקעגנשטעלן דעם מיילעך. אָבער דער מיילעך האָט געהאַט אַסאַך סאָלדאַטן מיט האַרמאַטן. איז געוואָרן אַ גרויסע מילכאָמע צווישן דעם מיילעכס סאָלדאַטן און די אידן. מען האָט זיך אַזוי לאַנג גע־שלאָגן, ביז די אידן האָבן געוואונען, און מען האָט דעם מיילעך אַ טויטן געפונען. האָבן די אידן זיך געפרייט, וואָס זיי זיינען פּאָטער געוואָרן פון דעם מיילעך און זיינען געוואָרן פריי. האָבן זיי געמאַכט אַ יאָנטעוו כאַנוקע, האָבן געזונגען און געטאַנצט. און עס איז זיי געווען פריילעך — אָן דעם מיילעך.

אָט אַזוי האָט דער זיידע דערציילט, און דאָס אינגעלע מיטן רינגעלע איז געשטאַנען און האָט געהערט. ווען דער זיידע האָט געענדיקט די מייסע האָט ער געפרעגט:

— זעסט, וואָס עס איז געווען אַמאָל פאַר אַ מייסע מיט אַ מיילעך? ווילסט נאָך אַלץ גיין צום מיילעך פון דיין מייסע?

זאָגט אינגעלע מיטן רינגעלע:

— ניין, זיידע, איך וויל שוין צום מיילעך ניט גיין! איך וויל בעסער גיין מיט דיר עסן לאַטקעס.

און ווי ער האָט עס אַרויסגערעדט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, און האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט גייט ער טאַקע צום זיידן עסן לאַטקעס.



י. ל. פּערעץ

# דאָס ליד פון ליים

איך זיץ ניט ליידיק אינדערהיים:
האָב איך נאָר צייט, נעם איך ליים.
קנעט איך מיר אַ מייזל אויס,
מאַך אַ פייגעלע דערויס.
פון פייגעלע, נישט לאַנג געטראַכט,
ווערט אַ ציגעלע געמאַכט;
און אַ מענטשעלע דערפון!
און וואָס איך וויל! און אַף דער זון
טריקן איך מיין אַרבעט אויס:
מענטש און ציג, און קאַץ און מויז —
וואָס איך זע נאָר אַף דער וועלט —
און אין פענצטער אויסגעשטעלט.

# די זון, די לעוואָנע און דער האָן

אַמאָל האָבן די , די און דער געלעבט צוזאַמען ווי ברידער. איינמאָל איז די זון אַוועק שפּאַצירן און די מיט דעם זיינען געבליבן אין . האָט די געזאָגט צום :

— טרייב אַהיים די פון פעלד.

דער האָט אָבער ניט געפאָלגט. איז די לעוואָנע געוואָרן אינקאַעס. זי האָט געכאַפּט דעם האָן פאַרן קאָפּ און האָט אים אַרויסגעוואָרפן.

די איז געקומען אַהיים, און איר האָט פאַרדראָסן, וואָס די האָט אַרויסגעוואָרפן דעם . האָט די זון געזאָגט:

— מער וויל איך מיט דיר ניט זיין צוזאַמען. דו נעם זיך די נאַכט און איך וועל זיך נעמען דעם טאָג.

און אַזוי איז טאַקע געבליבן. די לעוואָנע קומט אַרויס באַנאַכט, און די זון קומט אַרויס באַטאָג. ווען עס קומט אַרויס די  פרייט זיך דער , און ער הויבט אָן צו קרייען:

קו-קאַ-רע-קו-הו-י-י-י!

דער האָן — קרייעט　　דער הונט — בילט

די קאַץ — מיאוקעט　　די קו — מוקעט

# ווי לעמעך האַלט געלט

איינמאָל שיקט די מאַמע לעמעכן עפּעס קויפן און זאָגט:

— זע, לעמעך, פאַרליר ניט דאָס געלט!

— איך ווייס ווי צו האַלטן געלט, — ענטפערט לעמעך.

*

איז לעמעך אַוועק. דאָס געלט האַלט ער ניט אין קעשענע, נאָר אין האַנט, און די האַנט איז באַ אים אָפן.

פרעגט אים אַ מאַן: — ווי רופט מען דיך, אינגעלע?

— לעמעך.

— טאָ זיי ניט קיין לעמעך און טראָג ניט דיין געלט אָפן.

ענטפערט לעמעך: — ווען איך קוק אָפן געלט, קען איך עס ניט פאַרלירן.

גיט דער מאַן אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט:

— אַז מען זאָגט אַ לעמעך, איז טאַקע אַ לעמעך!

*

גייט לעמעך ווייטער און טרעפט נאָך אַ מאַן. אָבער דער מאַן איז געווען אַ גאַנעוו. זאָגט ער צו לעמעכן:

— איך זע, אַז דו ביסט זייער אַ קלוג אינגל. ווי רופט מען דיך?

— לעמעך.

זאָגט דער מאַן: — לעמעך איז אַ גוטער נאָמען. אַלע קלוגע אינגלעך רופט מען לעמעך.

איז דאָס לעמעכן געפעלן געוואָרן. זאָגט ער צום מאַן:

— דו ביסט אַ גוטער מאַן. איך האָב דיך האָלט.
זאָגט דער מאַן: — איך האָב דיך אויך האָלט. דיר איז אַוואַדע שווער צו טראָגן דיין געלט. אָט וועל איך דיר אָפּווישן דעם שוויס און וועל פאַר דיר טראָגן דאָס געלט.

— נאַ דיר, טראָג, — זאָגט לעמעך.

גייען זיי אַזוי אַ ווײַלע צוזאַמען. פּלוצים גיט דער מאַן אַ זאָג:

— איך דאַרף דאָ אַרײַנגיין אַף אַ מינוט. שטיי דאָ אַ ווײַלע, לעמעך. איך וועל באַלד אַרויסקומען.

און ער גייט אַוועק.

*

לעמעך וואַרט און וואַרט. זעט ער, אַז דער מאַן קומט ניט, איז ער אים אַוועק זוכן. געזוכט און געזוכט און ניט געפונען. איז ער אַוועק אַהיים מיט גאָרנישט. פרעגט אים די מאַמע:

— וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן, לעמעך?

— איך בין ניט פאַרפאַלן געוואָרן, מאַמע. דער מאַן מיטן געלט איז פאַרפאַלן געוואָרן.

— וועלכער מאַן? וואָסער געלט?

האָט איר לעמעך דערציילט די גאַנצע מייסע.

די מאַמע האָט געזאָגט:

— ווײַ, וואָס פאַר אַ לעמעך אַ זון איך האָב!

דאָס קינד — די קינדער

דאָס בוך — ________

דאָס בילד — ________

# דער קליינער שיכפּוצער

דער רייכער פּוצט ניט זיינע שיך
באַ קליינע אינגלעך ווי איך.
ער גייט אין שיך וואָס זיינען ניי
און גייט דאָ קיינמאָל ניט פאַרביי.
ער פאָרט אין זיין אָטאָמאָביל
און קויפט זיך אַלצדינג, וואָס ער וויל.

די אָרעמע, זיי לויפן גיך.
איך ווייס ניט, וואו זיי
איילן זיך.
אין אַלטע שמאַטעס גייען זיי
און הערן גאָרניט מיין
געשריי.
מיסטאָמע הונגעריק ווי איך,
וואָס טויג זיי פּוצן זיך די שיך?

איך שטיי און וואונדער זיך און טראַכט:
ווער ס'האָט אַזוי די וועלט געמאַכט,
מיט צופיל אָרעם, צופיל רייך...
און ווי צו מאַכן אַלע גלייך...
און אַז אַ אינגעלע ווי איך
זאָל מער ניט דאַרפן פּוצן שיך.

פאַרוואָס דאַרף דאָס אינגעלע פּוצן שיך?

# אַ קאָפּ

| | | |
|---|---|---|
| פּנעם | | קין |
| שטערן | | האָר |
| אויג | | אויער |
| נאָז | | האַלדז |
| ליפּ | | ציין |
| באַק | | מויל |

איך זע מיט די ______________.

איך שמעק מיט דער ______________.

איך רעד מיט מײַן ______________.

איך הער מיט די ______________.

איך בײַס און קײַ מיט די ______________.

אַלע אינדערפֿרי וואַש איך מײַן ______________

און קעם מײַנע ______________.

איך רייניק מיט אַ בערשטל מײַנע ______________.

טרעף:

> צוויי ברידער זיצן אויף איין בוים
> און זעען זיך נישט.

# היימי און די יוניאָן

היימי איז געלאָפֿן אין זיין אידישער אַרבעטער שול . . . אונטערן אָרעם האָט ער נאָך געטראָגן אַ פּאָר צייטונגען. זיי זיינען אים איבערגעבליבן פֿון זיין גאַנץ פּעקל. נאָר ס׳מאַכט ניט אויס: ער וויל ניט פֿאַרשפּעטיקן אין שול, ווען אַ פּאָר צייטונגען ניט זיין פֿאַרקויפֿט!

ס׳איז געווען אַ קאַלטער טאָג און היימי איז אַריין אין שול אַ פֿאַרפֿראָרענער. זיינע הענט זיינען געווען רויט און שטייף פֿון פֿראָסט. ווען ער קען זיך קויפֿן אַ פּאָר הענטשקעס, וואָלט ער ניט גע-דאַרפֿט אַזוי פֿרירן. און דער שוועסטערל זיינער דאַרף ער קויפֿן אַ וואַרעמען סוועטער, זי פֿאַרקילט זיך שטענדיק און קען ניט גיין אין שול.

זיצט היימי אין קלאַס און טראַכט: „אַז איך פֿאַרקויף אַזאַ פּאַק מיט צייטונגען, און מיסטער סמיט גיט מיר נאָר צען סענט. ווען ער באַצאָלט מער, וואָלט איך שוין געקויפֿט הענטשקעס און אַ סוועטער . . . נאָר וואָס טוט מען? אַלע אינגלעך קריגן באַ אים נאָר צען סענט . . .“

דער גאַנצער קלאַס צעלאַכט זיך. היימי האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז ער האָט גערעדט הויך אויף אַ קאָל. ער כאַפּט זיך אויף, ווי פֿון שלאָף, און פֿאַרשעמט זיך. אַלע קינדער לאַכן, און היימי

לאָזט אַראָפּ זיין קאָפּ. אָבער דער לערער קוקט אַף היימין מיט אַזעלכע גוטע אויגן און זאָגט:

„שטיל, קינדער, איך וועל אייך דערציילן אַ מייסע.” עס ווערט שטיל: אַלע קינדער האָבן ליב דעם לערערס מייסעס. דער לערער דערציילט אַ מייסע וועגן אַרבעטער און ענדיקט אַזוי: „ווען די אַרבעטער האָבן געמאַכט אַ יוניאָן, האָבן זיי פאַרדינט מער געלט. ווייסט איר, פאַרוואָס? ווייל קיינער האָט ניט געאַרבעט ביז דער באַלעבאָס האָט גענומען צאָלן אַלעמען מער געלט פאַר דער אַרבעט. אַזוי האָט די יוניאָן געוואונען...”

היימי הערט זיך איין, און עס פאַלט אים איין אַ געדאַנק. ער שפּרינגט פלוצים אויף פון אָרט, כאַפּט זיינע ביכלעך און זיינע פּאָר צייטונגען און לאָזט זיך לויפן...

## 2.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז היימי אַריין אין שול מיט אַ ברייטן שמייכל אַפן פּאָנים. אַף זיין לאַץ האָט ער געטראָגן אַ רונד שטיקל פּאַפּיר, אַף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן: „יוניאָן פון די צייטונג-אינגלעך”.

— לערער, לערער, — האָט ער געשריען נאָך פון יענער זייט טיר, — איך האָב געמאַכט אַ יוניאָן!

אַלע קינדער זיינען אויפגעשפרונגען פון די ערטער.

— שאַ, זאָל זיין שטיל! — האָט געזאָגט דער לערער. — דערציייל אונדז, היימי. —

איצט האָט זיך שוין היימי ניט געשעמט. זיינע אויגן האָבן געגלאַנצט. ער האָט מיט שטאָלץ געוויזן אַף זיין „יוניאָן-צייכן”:

— איצט בין איך שוין אַ יוניאָן-מאַן. איך האָב דערציילט אַלע ציימונג-אינגלעך דיין מייסע וועגן דער יוניאָן. האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן אַ יוניאָן. מיר וועלן ניט פאַרקויפן קיין ציימונגען פאַר מיסטער סמיט, ביז ער וועט ניט צאָלן מער געלט פאַר אַ פעקל! מיר וועלן זיך האַלטן צוזאַמען און מיר וועלן געווינען! איצט וועל איך שוין פאַרדינען מער געלט. און איך וועל קויפן מיין שוועסטערל אַ סוועטער און פאַר מיר הענטשקעס, און איך וועל קענען בעסער העלפן דער מאַמען!

פרעג באַ דיין טאַטן: איז ער אַ יוניאָן-מאַן?

וועמען רופט מען אַ „סקעב”?

וואָס איז אַ „פיקעט”?

# שיכעלעך

אָט-אָ, אָט-אָ איז אַ באַרג,
אָט-אָ, אָט-אָ איז אַ טאָל,
זיצט אַ שוסטער אויפן באַרג
מיט אַ האַמער, מיט אַ נאָל.

שטעכט דער שוסטער
מיט דער נאָל,
מיטן האַמער שלאָגט ער גיך,
איינס און צוויי,
און איינס און צוויי,
וואַקסן אויס צוויי קליינע שיך.

זאָגט דער שוסטער: „שיכלעך, גייט!"
גייען שיכעלעך אַוועק,
וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק.
גייען שיכעלעך אַרום,
וואו דער שוסטער שיקט זיי אום.

איינמאָל נעמען שיכלעך גיין,
באַ אַ טויער בלייבן שטיין,
קלאַפּט דאָס רעכטע שיכל: איינס,
קלאַפּט דאָס לינקע שיכל: צוויי,
עפנט זיך אַ טיר פאַר זיי.

זיצט אַ קינד דאָרטן אַליין,
באָרוועס, נאַקעט, ווינד און ווי.
דאָרטן בלייבן שיכלעך שטיין,
ווילן ערגעץ מער ניט גיין.

# דאָס קליינע רויטע הינדל

אַמאָל, אַמאָל, לאַנג, לאַנג צוריק האָבן אין אַ הויז אַף אַ באַרג געלעבט אַ כאַזער, אַ מויז, אַ קאַץ און אַ קליין רויט הינדל.

און ווער, מיינט איר, האָט געהאַלטן דאָס הויז ריין? דער כאַזער? זיכער נישט! די מויז? — אָ, ניין! די קאַץ? — אויך נישט! דאָס קליינע רויטע הינדל? — אַוואַדע! ס'הינדל האָט געאַרבעט זייער שווער צו האַלטן ס'הויז זייער ריין.



האָט דאָס הינדל געפֿונען אַ ווייץ-קערנדל און האָט געפֿרעגט:

— ווער וויל פֿאַרזייען דאָס ווייץ-קערנדל?

— נישט איך, — האָט דער כאַזער געכרוקעט.

— איך אויך נישט! — האָט די מויז געקוויטשעט.

— איך אויך נישט! — האָט די קאַץ געמיאַוקעט.

האָט דאָס הינדל אַליין פֿאַרזייט דאָס ווייץ-קערנדל. דער ווייץ איז געוואַקסן און געוואַקסן און איז רייף געוואָרן.

— ווער וועט איצט שניידן דעם ווייץ?

— נישט איך, נישט איך, נישט איך! — האָט דער כאַזער געכרוקעט, האָט די קאַץ געמיאַוקעט, האָט די מויז געקוויטשעט.

האָט דאָס הינדל אַליין אָפּגעשניטן דעם ווייץ.

— דער ווייץ איז שוין אינגאַנצן גרייט פֿאַר דער מיל. ווער וועט אים אַוועקפֿירן? — האָט דאָס הינדל געפֿרעגט.

דער כאַזער האָט געכרוקעט, די מויז האָט גע־קוויטשעט, די קאַץ האָט געמיאַוקעט: — נישט איך!

— איך וועל עס שוין אַליין טאָן, — האָט דאָס קליינע רויטע הינדל געזיפּצט. און זי האָט עס געטאָן.

אין שיינעם טאָג האָט דער מילנער געבראַכט דעם ווייץ אינגאַנצן צעמאָלן אַף שיין, ווייס מעל. אַלע האָבן אויסגעשריען:

— וואָס פאַר אַ שיין, ווייס מעל ס'איז פון אונדזער ווייץ געוואָרן!

— ווער זשע וועט באַקן ברויט פון דעם שיינעם, ווייסן מעל? — האָט דאָס הינדל געפרעגט.

אָבער דער כאַזער, די קאַץ און די מויז האָבן ניט געוואָלט באַקן דאָס ברויט.

האָט דאָס קליינע רויטע הינדל אַליין גענומען באַקן ברויט. באַלד האָט גענומען שמעקן מיט פריש ברויט. דער כאַזער, די מויז און די קאַץ זיינען געקומען צולויפן אין קיך.



— איצט קען מען שוין עסן דאָס ברויט! — האָבן אַלע אויסגעשריען אין אַ כאָר.

— אָ, עסן ווילט איר? — האָט דאָס הינדל געזאָגט. — פאַרוואָס האָט איר מיר פריער ניט געהאָלפן אַרבעטן?

דער כאַזער, די מויז און די קאַץ האָבן זיך פאַר־שעמט און אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

## פרילינג

עס ציען זיך, ציען
פון הימל און פאַלן
ווי גאָלדענע פעדים —
די וואַרעמע שטראַלן.

דאָס בינעלע זשומעט,
און זויגט אָן אַ מאָס
די זאַפט פון די רויזן,
דעם טוי פון דעם גראָז.

עס בליען די ביימער,
עס שפראָצן די בלומען,
צו אונדז איז דער פרילינג,
דער פרילינג געקומען!

## אַ וויץ

מאַמע: וואו ביסטו געווען, דאָוויד?
דאָוויד: איך בין געווען מיט מאָטלען.
מאַמע: וואו איז מאָטל געווען?
דאָוויד: מאָטל איז געווען מיט מיר.
מאַמע: וואו זייט איר ביידע געווען?
דאָוויד: מיר זיינען ביידע געווען צוזאַמען.

# מען לויפט אין דער אידישער אַרבעטער שול

לויפט מיכל מיטן ביכל איבער דער גאַס.
שטעלט אים אָפּ פּאָל מיטן באָל.
— וואוהין לויפסטו אַזוי, מיכל מיט דיין ביכל?
— ניטאָ קיין צייט, ניטאָ קיין צייט. זעסט דאָך מיין ביכל, איך גיי אין דער אידישער אַרבעטער שול!
— שאַ, — זאָגט פּאָל מיטן באָל, — פאַרריים ניט דיין נאָז, ווי אַ האָז!
און ער רופט צו די קינדער:
די שפּרינגערקע גיטל מיטן שטריקל,
דעם פּעטן פּעט מיטן בעט,
און דעם לויפער סאַלי מיט די סקייטס.
ווילן זיי אַלע וויסן וועגן מיכלס ביכל און וועגן זיין שול, און זאָגן אים:
— אַנו, זאָג אונדז, וואָס דו לערנסט אין שול און וואָס מיר ווייסן ניט?
גיט מיכל אַ מאַך מיט זיין ביכל און זאָגט:
— קענט איר לייענען אָט דאָס ביכל? ס׳איז אַ אידיש ביכל!
זאָגן אַלע: — נ-יי-ן!
— פע! — זאָגט מיכל. — ניט שיין! איר זייט אידישע קינדער און קענט נישט לייענען קיין אידיש ביכל! און ווער פון אייך קען אָנשרייבן אַ אידיש בריוול?
— איך — ניט! — זאָגט פּאָל מיטן באָל.
— איך אויך ניט, איך אויך ניט, — זאָגן אַלע אַנדערע.

— און איך קען! איך לערן זיך אין מיין שול! — פאַררייסט מיכל די נאָז.

— נו, און ווייסט איר, פאַרוואָס דער טאַטע אַרבעט אַזוי שווער?

— מיין טאַטע אַרבעט איצט נישט, ער האָט נישט קיין אַרבעט, — זאָגט די שפּרינגענדיקע גיטל.

— ווענן דעם לערן איך אויך אין שול! — זאָגט מיכל. — איך וויים פאַרוואָס טאַטעס האָבן ניט קיין אַרבעט. און וואָס איז אַ יוניאָן, ווייסט איר?

— מיין טאַטע באַלאַנגט צו אַ יוניאָן, אָבער איך וויים ניט, וואָס דאָס איז! — זאָגט דער פּעטער פּעט מיטן בעט.

— איך וויים אויך ניט, איך וויים ניט! — זאָגן אַלע.

— ניט שיין! — זאָגט מיכל. — איר זייט אַרבע-טער קינדער, און איר ווייסט גאָרנישט, ניט שיין!

— טאָ זאָג אונדז אוים, וועלן מיר אויך וויסן! — זאָגט סאַלי אַף די סקייטס.

— זאָג אונדז אוים, זאָג אוים! — שרייען אַלע.

— קומט מיט מיר אין דער אידישער אַרבעטער שול, וועט איר אַלע וויסן! — זאָגט מיכל. — קומט מיט מיר.

זיינען אַלע אַוועקגעלאָפן מיט מיכלען אין דער אידישער אַרבעטער שול:

פּאָל מיטן באָל,
גיטל מיטן שטריקל,
סאַלי אַף די סקייטס
און דער פּעטער פּעט מיטן בעט!

# ערשטער מיי

הײנט איז ליכטער — זון און הימל,
און די ערד איז גרין און שײן.
אַפֿן גרױסן אַרבעט-יאָנטעװ
פֿרײלעך, קינדער, לאָמיר גײן!

## דער ערשטער קלאַס האָט אױסגעפֿירט!

װען מױשע איז געקומען אין שול, זײנען שױן דאָרטן געװען מיכל און לײע פֿון פֿערטן קלאַס, און זײ האָבן געמאָלן פּלאַקאַטן.
מױשע האָט איבערגעלײענט:

„מיר װילן מער סקולס!"
„מיר װילן אַרבעט פֿאַר די טאַטעס!"
„מיר װילן ניט קײן מילכאָמעס!"
„זאָל לעבן דער ערשטער מײ!"

— װאָס מײנט עס? — האָט מױשע געפֿרעגט בײַ מיכלען.
מיכל האָט פֿאַררײסן זײַן נאָז: — װעסט גרעסער װערן, װעסטו פֿאַרשטײן.

אָבער לייע האָט מוישען דערקלערט: — דאָס זיינען פּלאַקאַטן פאַרן ערשטן מיי פּאַראַד, — האָט זי געזאָגט.

מוישע האָט זיך דערפרייט: — יאָ, איך ווייס וועגן ערשטן מיי! דער לערער האָט געזאָגט, אַז די קינדער וועלן אויך מאַרשירן.

— רעד זיך גאָרניט איין, — האָט מיכל געזאָגט, — די אינגערע קינדער וועט מען ניט נעמען! —

מ ו י ש ע ה אָ ט ע פּ ע ס פ אַ ר ט ר אַ כ ט

אין קלאַס האָט מוישע געפרעגט באַם לערער:

— איז דאָס עמעס, אַז די אינגערע קינדער נעמט מען ניט אין מאַרש? —

— יאָ, מוישע, עמעס.

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? — האָבן אַלע קינדער גענומען שרייען.

— ווייל די אינגערע וועלן פאַרמאַטערט ווערן. מען דאַרף אַ סאַך גיין.

— איך קען גיין אַ סאַך, איך וועל ניט פאַר־מאַטערט!

— איך אויך! איך אויך! — האָבן אַלע קינדער געשריען.

מוישע האָט די גאַנצע צייט געטראַכט, וואָס מען טוט. ווען דער קלאַס האָט זיך געענדיקט, האָט מוישע צוזאַמענגעקליבן אַלע קינדער פון זיין קלאַס און האָט עפּעס לאַנג גערעדט מיט זיי.

ד ע ר ע ר ש ט ע ר מ י י

גאַנץ פרי זיינען שוין אַרבעטער געפאָרן צום פּאַראַד. אַ סאַך טאַטעס און מאַמעס זיינען געקומען אין שול, האָבן גענומען די שול־פאָן און זיינען

אַוועקגעפֿאָרן. דער לערער האָט געוואַרט ביז די עלטערע קינדער זיינען געקומען פֿון סקול. זיי זיינען געקומען צולויפֿן נאָך מיט זייערע סקול-ביכלעך. די ביכלעך האָבן זיי איבערגעלאָזן אין שול און האָבן זיך שנעל אויסגעשטעלט אין אַ ריי מיט זייערע פּלאַקאַטן. דער לערער האָט געגעבן אַלעמען שיינע היטעלעך מיט אויפשריפטן: אידישע אַרבעטער קינדער שול. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג:

איינס און צוויי און דריי און פיר,
יונגע קינדער זיינען מיר.
כאָטש מיר זיינען יונג און קליין,
צום מיי-פּאַראַד װעלן מיר גיין!

דאָס האָט מאַרשירט דער ערשטער קלאַס. מוישע איז געגאַנגען פֿאָרויס און האָט געטראָגן אַ פּלאַקאַט:

„מיר ווילן אויך מאַרשירן דעם ערשטן מיי!"

די עלטערע קינדער און דער לערער האָבן גענומען פּאַטשן מיט די הענט. אַלע האָבן באַשלאָסן מיטצונעמען דעם ערשטן קלאַס.

## אַ וואָך מיט אַרבעט

איך בין געזעסן זונטיק
און געטראַכט מאָנטיק
צו פֿאָרן דינסטיק.
האָב איך באַרעכנט זיך מיטוואָך,
ווי קען מען פֿאָרן דאָנערשטיק,
אַז פֿרייטיק איז שוין באַלד שאַבעס?

# אַלע קינדער שפּילן זיך



אַלע קינדער שפּילן זיך.
טיר און פענצטער אָפן,
קומט אַ ווינטעלע אַ קילס,
לייגט די קינדער שלאָפן.

שלאָפן קינדער. נאַכט איז קיל.
יעדע נאַכט אַ ווייסע;
שטערן גרויסע, ליכטיקע,
פינקלען זיי אַ מייסע.

מייסע, מייסע, מייסעלע,
פעלדער פול מיט בלומען —
וועלן גוטע, ליבע געסט
פאַר די קינדער קומען.

שלאָפן קינדער. נאַכט איז קיל.
יעדע נאַכט אַ ווייסע;
שטערן גרויסע, ליכטיקע,
פינקלען ווי אַ מייסע . . .

נעם אַראָפּ איין אָס פון יעדן וואָרט,
וועט זיין אַ ניי וואָרט.

גלאָק — לאָק

| | | | |
|---|---|---|---|
| כאַלע | ________ | קלערן | ________ |
| בעקל | ________ | טראָג | ________ |
| פאָרט | ________ | וועקן | ________ |
| קרויט | ________ | גרוי | ________ |

# די מאַמע

קינדער, ווער מיט ליב און לעבן
איז אייך טריי און איבערגעבן ?
ווען אייך ווער שטענדיק טראַכט,
מאַכט קיין אויג ניט צו באַנאַכט ?

# מוטער־טאָג

— וואָס שרייבסטו דאָ, אַרעלע ? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

דער קליינער אַרעלע האָט נאָך ניט געקאָנט שרייבן.

— ש-ש-ש ! — האָט אַרעלע געזאָגט. — זאָג ניט אויס דער מאַמען. איך שרייב פאַר איר אַ בריוועלע צום מוטער-טאָג :

„טייערע מאַמע, איך האָב דיך זייער ליב. איך וועל דיך אַלעמאָל פאָלגן !"

דאָס וועט זיין מיין מאַטאָנע פאַר איר.

— דאָס איז טאַקע די בעסטע מאַטאָנע, אַרעלע — האָט דער טאַטע געשמייכלט.

# די בעסטע מאַמע

אַ קליין מיידעלע האָט געוויינט און גערופֿן איר מאַמען.

— ווער איז דיין מאַמע ? — האָט אַ מאַן געפֿרעגט דאָס מיידעלע.

— איך קען ניט מיין מאַמען ? — האָט דאָס מיידעלע געענטפֿערט. — מיין מאַמע איז די בעסטע אױף דער וועלט !

## אַ וויץ

אַ אינגעלע איז געגאַנגען מיט דער מאַמען שפּאַצירן. ער איז אַוועקגעלאָפֿן פֿאָרויס און האָט פֿאַרלאָרן זיין מאַמען. גייט ער אַרום און זוכט זיין מאַמען. פֿרעגט ער בײַ אַלע מענטשן :

— עפּשער האָט איר געזען אַ מאַמען אָן אַ אינגעלע ?

# דער מאַמעס מייסעס

ס׳לייענט מאַ מיר מייסעס
שטענדיק פֿאַרן שלאָפֿן.
און איך הער די מייסעס
מיט די אויגן אָפֿן.
שטיל איז, און די מאַמע
לייענט קוים צו הערן.
כ׳ווייס, זי וויל מיסטאַמע,
כ׳זאָל אַנטשלאָפֿן ווערן.
און ניט איינמאָל טאַקע
האָט זיך עס געטראָפֿן —
מייסעלעך געשמאַקע
וויגן מיך צום שלאָפֿן . . .

| איך זאָל - כ׳זאָל | איך ווייס - כ׳ווייס |
|---|---|

שרייב אָן די ווערטער פֿאַרקערט, זע וויפֿיל נייע ווערטער דו קריגסט.

| | | | |
|---|---|---|---|
| פֿיש | שיף | ליב | ______ |
| דער | ______ | פֿייף | ______ |
| קעפּ | ______ | ריר | ______ |
| דיל | ______ | רוף | ______ |
| פֿיל | ______ | רער | ______ |
| קאָל | ______ | קאָפּ | ______ |
| ראָש | ______ | באָב | ______ |

# איך האָב ליב מאָלן!

איך האָב אייך שוין אַמאָל דערציילט, אַז איך האָב ליב צו מאָלן, און אַז מיין ברודער עליע שלאָגט מיך דערפאַר.

איינמאָל האָב איך אויסגעמאָלן אַ מוירעדיק גרויסן פוס. בראָכע האָט געמיינט, אַז איך האָב אויסגעמאָלן איר פוס, ווייל קיינער האָט נישט אַזעלכע גרויסע פיס ווי בראָכע. האָט זי דערציילט מיין ברודער עליען. האָט זיך מיין ברודער עליע צעשריען:

— מענטשעלעך? האָסט זיך שוין ווידער גע-נומען צו דיינע אַלטע שטיק, מאָלן מענטשעלעך?

שוין! פון אַ פוס איז בא אים געוואָרן אַ מענטש! און פון אַ מענטש — מענטשעלעך!

מיין כאַווער מאָטל האָט מיר געגעבן אַ קאָלירטן בלייפעדער. דערפאַר האָב איך אים אָפּגעמאָלן אַף פּאַפּיר. ווי מיינט איר? אַוואַדע האָט ער עס באַלד אָפּגעטראָגן צו מיין ברודער עליען.

— דאָס דאַרף זיין מאָטלס אַרבעט! וואו איז ער ערגעץ מיט זיינע מענטשעלעך?

אַזוי זאָגט מיין ברודער עליע און זוכט און קען מיך נישט געפינען. איך זיץ הינטער דער מאַמעס פּלייצעס און לאַך. קיין בעסער אָרט זיך צו באַהאַלטן ווי הינטער דער מאַמעס פּלייצעס, איז נישטאָ אַף דער גאַנצער וועלט!

## די פייגל קומען צוריק!

צוויטשי, צוויטשי, צוויטשעריי,
פרילינג קומט שוין אַפּדאָסניי!
פייגל גרויסע,
פייגל קליינע,
אַלע פריילעכע און שיינע
קומען מיט אַ צוויטשעריי,
מיטן פרילינג אַפּדאָסניי!

## אוי, אַ פייגעלע!

איינמאָל באַטאָג, זומער איז דאָס געווען, זיינען מיר געגאַנגען פון שול אַהיים, עטלעכע אינגלעך מיטאַמאָל. געגאַנגען זיינען מיר גיך, געלאָפן, ווייל מיר זיינען געווען הונגעריק.

פלוצים האָט איינער פון אונדזער כעוורע אויסגעשריען: „אוי, אַ פייגעלע!" און מיר האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט.

אַ קליין, יונג פייגעלע איז געזעסן אַף דער ערד, מיטן קעפּעלע אַרויף. דאָס פייגעלע האָט געציטערט, געמאַכט מיט די פליגעלעך, געעפנט אַלעמאָל דאָס געלע פּיסקעלע, ווי אַ קליין קינד, בעשאַס עס וויל עסן, און אַרויסגעלאָזט אַף אַ הייזעריק קעלכל: „פּי!"

עס האָט זיך אויפגעכאַפּט באַ אונדז אַ געפיל



שאָלעם אַלייכעם

פון ראַכמאָנעס, און מיר האָבן אָנגעהויבן קלערן:

— וואָס טוט מען מיטן פייגעלע? —

איינער האָט געזאָגט: מען באַדאַרף דאָס לאָזן זיצן אַף דער ערד, ביז דעם פויגלס מאַמע וועט קומען. אַ צווייטער האָט געזאָגט, מען זאָל עס געבן אַ וואָרף אינדערהויך, וועט דאָס אַוועקפליען. אַ דריטער האָט געזאָגט, מען זאָל עס נעמען אַהיים.

און מיר האָבן געבראַכט דאָס פייגעלע אַהיים, פאַרגעסן, אַז מיר זיינען הונגעריק, גענומען דאָס האָרעווען, געגעבן דעם וואַסער אין פיסקל אַריין — און דאָס פייגעלע האָט אויפגעלעבט!

# דער יעגער

יאַנקעלע וויל אַ יעגער זיין.
יאַנקעלע וויל אין וואַלד אַריין.
שיסן וויל ער נאָר אַ בער,
דאַרף מען דאָך געווער.

אונדזער יאַנקעלע דערזעט:
אין אַ ווינקעלע אַ בעזעם שטייט.
מיטן בעזעם וועט ער יאָגן
און אַ גרויסן בער דערשלאָגן!

ער קאָן אין שטוב שוין מער ניט בלייבן;
וויל דעם בעזעם אונטערהויבן.
שווערער בעזעם קערט זיך איבער,
און דער יעגער פאַלט אַריבער!

| יע—יעגער | יאַ—יאַנקל |
| --- | --- |

# זוי לעמעך האָט געפונען נאָך אַ לעמעך

גייט לעמעך אַמאָל אין וואַלד, קלייבט יאַגעדעס זיסע, געשמאַקע און לייגט זיי גלייך אין מויל אַריין. ס׳איז אים זייער גוט, און ער טראַכט: איך וועל בלייבן דאָ אין וואַלד, וועט מיך קיינער ניט רופן „לעמעך״. שרייט ער אויס איבערן גאַנצן וואַלד:

— איך וועל בלייבן דאָ!

ענטפערט מען אים באַלד פון וואַלד:

— איך וועל בלייבן דאָ!

פרעגט שוין לעמעך: — ווער ביסטו?

ענטפערט מען אים פון וואַלד: — ווער ביסטו?

וואונדערט זיך לעמעך און שרייט: — איז דאָ נאָך אַ לעמעך?

ענטפערט מען אים באַלד: — איז דאָ נאָך אַ לעמעך?

זאָגט לעמעך: — אַז דו ביסט אויך לעמעך, טאָ קום אַהער, לאָמיך דיך זען.

ענטפערט מען אים: — אַז דו ביסט אויך לע-מעך, טאָ קום אַהער, לאָמיך דיך זען.

זאָגט לעמעך: — קום דו אַהער!

ענטפערט מען אים: — קום דו אַהער!

ווערט לעמעך אין כּעס און זאָגט: — איך בין דער ערשטער לעמעך, מוזטו קומען צו מיר!

זאָגט מען אים: — איך בין דער ערשטער לע-מעך, מוזטו קומען צו מיר!

זאָגט לעמעך: — ביסט אַ ליגנער!

ענטפערט מען אים: — ביסט אַ ליגנער!

אַזוי האָט לעמעך געקריגט זיך און געשריען ביז

ער איז געוואָרן מיד. און אַז ער איז מיד געוואָרן, האָט ער געזאָגט:

— נו, לעמעך, גענוג געקריגט זיך, לאָמיר ווערן כאַווער!

ענטפערט מען אים: — לאָמיר ווערן כאַווער!

זאָגט לעמעך: — איך גיי צו דיר!

זאָגט מען אים: — איך גיי צו דיר!

איז לעמעך אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער האָט באַגעגנט זיין מאַמען, וועלכע איז אים גע־קומען זוכן. פרעגט לעמעך: — מאַמע, האָסט עפשער געזען דעם אַנדערן לעמעך?

פרעגט די מאַמע: — וואָס פאַר אַן אַנדערער לעמעך? —

דערציילט איר לעמעך די גאַנצע מייסע, וואָס האָט זיך מיט אים געטראָפן אין וואַלד. צעלאַכט זיך די מאַמע און זאָגט:

— נאָך אַזאַ לעמעך ווי דו, מיין זון, איז גאָר ניטאָ אַף דער גאַנצער וועלט!

## פעטער פעטער — מאָרגן שפעטער

— לויף נאָך וואַסער, פעטער פעטער,
גיך, עס ברענט באַ מיר די שטוב!
— שפעטער, מאָרגן, מאָרגן, שפעטער,
לאָמיך אויסזופן די זופּ!

— גיי שוין צו דער אַרבעט, פעטער,
ס׳איז שוין באַלד דאָך האַלבער טאָג!
— שפעטער, מאָרגן, מאָרגן, שפעטער,
ניטע טרייב מיך, ניטע יאָג!

# אַ קיעלע

בין איך מיר אַ קיעלע  
פון אייביקע יאָרן.  
כ'בין אַזוי אַ קיעלע  
פון דער היים אַרויסגעפאָרן.

אַ קיעלע, אַ קיעלע, אַ קו!  
מע, מע, מו-ו-ו!

בין איך מיר אַ קיעלע,  
אַ קיעלע אַ רויטע.  
האָב איך אַ פּאָר הערנערלעך,  
הערנערלעך פאַרדרייטע.

אַ קיעלע, אַ קיעלע, אַ קו!  
מע, מע, מו-ו-ו!

בין איך מיר אַ קיעלע,  
אַף דער וועלט צו זוכן.  
אַז איך לאָז זיך אויסמעלקן,  
באַקט מען פּוטער-קוכן!

אַ קיעלע, אַ קיעלע, אַ קו!  
מע, מע, מו-ו-ו!

# אַ מאָדנע הינדעלע

אַ פּאַרמער האָט אַמאָל אַוועקגעזעצט אַ הון אַף אייער, זי זאָל אויסזיצן הינדעלעך. דער פּאַרמער האָט ניט באַמערקט, אַז צווישן די אייער איז איין איי געווען אַ ביסל גרעסער.

די הון איז געזעסן אַף די אייער דריי וואָכן. זי פלעגט נאָר אַראָפּגיין אַף אַ מינוט, ווען זי איז געווען הונגעריק, אָדער דאָרשטיק.

איז געקומען אַ טאָג און די קליינע הינדעלעך האָבן צעבראָכן די שאָלעכץ און זיינען אַרויס פון די אייעלעך. זיי זיינען געווען קליינינקע, געלינקע, מיט שפּיציקע שנעבעלעך. נאָר איינס פון זיי איז געווען גרעסער און האָט געהאַט אַ פלאַך שנעבעלע.

די הון האָט געלערנט אירע הינדעלעך, ווי אַזוי צו פּיקן קערנדלעך און ווי אַזוי צו זוכן ווערעם אין דער ערד.

איין מאָל האָט זי גענומען אירע הינדעלעך צום טייך, ווייל דאָרטן האָט מען געקענט געפינען גרויסע פעטע ווערעם. ווי נאָר דאָס מאָדנע הינדעלע האָט דערזען דעם טייך, האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און גענומען שווימען. די הון איז איר נאָכגעלאָפן און האָט געקלאַפּט מיט די פליגלען. אָבער אין וואַסער איז זי ניט אַריין.

א־נו, טרעפט, קינדער, ווער איז געווען דאָס מאָדנע הינדעלע?

# כבלעמער וויצן

### אַ גוטער שילער

מאַמע: יאָסל, וואָס האָסטו היינט אויפגעטאָן אין שול?

יאָסל: איך בין געווען דער איינציקער אין קלאַס, וואָס האָט געענטפערט אַף דעם לערערס פראַגע, מאַמע. אַנדערע קינדער האָבן ניט געקענט ענטפערן.

מאַמע: וואָס איז געווען דעם לערערס פראַגע?

יאָסל: דער לערער האָט געפרעגט: ווער האָט היינט ניט געטאָן די היימאַרבעט?

### פעני און בעני

בעני: עס רעגנט דאָך, וואָס עפנסטו ניט דיין שירעם?

פעני: עס וועט ניט העלפן, מיין שירעם איז לעכערדיק.

בעני: טאָ פאַרוואָס האָסטו מיטגענומען אַ לעכערדיקן שירעם?

פעני: איך האָב דען געוואוסט, אַז עס וועט רעגענען?

# רעגן

רעגן, רעגן, וואַש מיך אויס.
וועל איך וואַקסן הויך און גרויס.

קום, קום, רעגן, קום,
וואַש מיך, ווי דו וואַשסט אַ בלום.

גיס, גיס, רעגן, גיס,
פּאַטש שאַין פּאַנעס, אין די פּיס.

פּאַטש, פּאַטש, נעץ מיך איין,
שטאַרקער, שטאַרקער, איי, ס'איז פיין!

# דער העלדישער אינגל

היינט אינדערפרי בין איך געגאַנגען מיטן פּאָטער אין שול. פּלוצלונג האָבן מיר דערזען לעבן שול אַסאַך מענטשן. מיין פּאָטער האָט גלייך געזאָגט:

— עס איז געשען אַן אומגליק!

מיר האָבן זיך דורכגעשטופּט אין שול אַריין, און מיין פאָטער האָט געפרעגט בײַ אַ לערער:

— וואָס האָט פּאַסירט?

דער לערער האָט אים דערציילט:

ראָבערטי איז געגאַנגען אין שול. אין מיטן גאַס האָט ער געזען, ווי אַ קליין אינגעלע איז געפאַלן און אַן אָטאָמאָביל איז געלאָפן גלייך אויף אים. ראָבערטי האָט זיך דרייסט אַ וואָרף געטאָן און אַרויסגעכאַפּט דאָס אינגעלע פון אונטער דעם אָטאָמאָביל. אין דעם מאָמענט האָט אָבער אַ ראָד פון אָטאָמאָביל אַ שטויס געטאָן ראָבערטיס פוס און אים צעבראָכן.

דערווייל איז אין זאַל אַריינגעלאָפן אַ פרוי. דאָס איז געווען ראָבערטיס מוטער. אַ צווייטע פרוי, די מאַמע פון דעם געראַטעוועטן אינגעלע, איז איר געפאַלן אויפן האַלדז מיט אַ געוויין.

אין דעם מאָמענט שטעלט זיך אָפּ בײַ דער טיר אַ קאַרעטע און מען טראָגט אַרויס ראָבערטין. זיין פּנים איז בלאַס, די אויגן פאַרמאַכט. אַלע שרייען אויס:

— בראַוואָ, ראָבערטי! דו ביסט אַ העלד, ראָבערטי!

ראָבערטי עפנט זיינע אויגן און פרעגט:

— וואו זיינען מיינע ביכער?

— אָט זיינען דיינע ביכער, — זאָגט די מוטער פון געראַטעוועטן קינד. — איך וועל עס ברענגען צו דיר אַהיים!

מען פירט אַוועק דעם העלדישן אינגל, און אַלע גייען שווייגנדיק אַריין אין שול.

# זומער־לעב

אינגלעך און מיידלעך,
גיכער קומט אין טייך!
אין דעם קלאָרן טייכעלע
זיינען אַלע גלייך.
אָט-אָ ביסטו שוין אַ נאַסער,
נאַדיר נאָך אַ הויפן וואַסער —
פּליוסק!

שווימען מיר ווי פישעלעך —
אַי—אַי—אַי—ווי גוט!
ניט גרויס גענוג דער טייך פאַר אונדז;
אַ טאָג איז איין מינוט.
האָבן מיר די היים פאַרגעסן —
וועמען אַרט עס — עסן!
פּליוסק!

מאָטל ווי אַ גרויסער העכט
שווימט זיך ווייט-ווייט-ווייט,
שווימט אים נאָך פריידעלע
און שווימט שוין באַ זיין זייט;
כאַפּט מיך מינקע באַ מיין צאָפּ,
טונקט אין וואַסער אָפּ מיין קאָפּ —
פּליוסק!

# מאָטעלע פון ביראָ־בידזשאַן

מאָטעלע האָט געלעבט מיט זיין טאַטן און מאַמען אין ביראָ-בידזשאַן.

איינמאָל קומט מאָטעלע אַהיים פון שול און פרעגט באַ דער מאַמען:

— מאַמע, דער לערער האָט אונדז דערציילט, אַז די אידן האָבן אַמאָל זייער שלעכט געלעבט באַ אונדז אין לאַנד. איז דאָס עמעס?

— עמעס, מאָטעלע.

— פאַרוואָס, מאַמע?

— איצט האָב איך קיין צייט ניט, מאָטעלע. אָבער היינט אָונט, אויב דו וועסט מיך פאָלגן און גיין פרי שלאָפן, וועל איך דיר אַלץ דערציילן, — זאָגט די מאַמע.

מאָטעלע האָט געוואוסט, אַז היינט אָונט וועט ער שוין הערן אַ מייסע. ער האָט זייער ליב געהאַט דער מאַמעס מייסעס. דערפאַר האָט ער שוין אַ גאַנצן טאָג געוואַרט אַפן אָונט.

די מייסע

ווען מאָטעלע איז שוין געלעגן אין בעט, האָט די מאַמע זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און האָט אים דערציילט:

— אַמאָל, אַמאָל, ווען דו, מאָטעלע, ביסט נאָך ניט געווען אַף דער וועלט, איז אין אונדזער לאַנד, רוסלאַנד, געווען זייער שלעכט. דאָ איז געווען אַ שלעכטער בייזער צאַר. דער צאַר און די באַלע-

באַטים האָבן געלעבט זייער גוט. די אַרבעטער און אַנדערע אָרעמע מענטשן האָבן געלעבט זייער שלעכט. דער צאַר איז געווען זייער שלעכט צו די אידן און האָט געהייסן זיי שלאָגן און האַרגענען.

— וואו איז איצט דער צאַר, מאַמע?

דער צאַר איז שוין לאַנג ניטאָ און קיין באַלע-באַטים זיינען אין אונדזער לאַנד אויך מער ניטאָ. אַלע מענטשן זיינען אַרבעטער.

ווער האָט זיי פאַרטריבן, מאַמע?

— די אַרבעטער האָבן זיי פאַרטריבן און באַ-פרייט אונדזער לאַנד. כאַווער לענין האָט אונדז געפירט און געלערנט ווי צו באַפרייען זיך.

מאָטעלע האָט זיך פאַרטראַכט: „ווען איך זע כאַווער לענין, וואָלט איך אים באַדאַנקט פאַר אַלע גוטע זאַכן, וועלכע ער האָט געטאָן פאַר אונדז.“

## אַן עראָפּלאַן



גייט מאָטעלע איבערן פעלד און זעט: אַן עראָפּלאַן. גייט ער צו צום פליער און פרעגט אים:

— קענסטו מיך נעמען אין מאָסקווע צו כאַווער לענין?

פרעגט דער פליער: — וואָס דאַרפסטו צו כאַווער לענין?

— איך דאַרף אים זאָגן אַ דאַנק.

— נו, קום, אינגעלע, איך פלי טאַקע אין מאָסקווע.

דער עראָפּלאַן האָט אַראָפּגעלאָזן מאָטעלען אין מאָסקווע. איז ער אַוועק זוכן כאַווער לענין. טרעפט ער אַ מענטשן און פרעגט באַ אים:

— עפּשער ווייסטו, וואו כאַווער לענין וואוינט?

— נאָך וואָס דאַרפסטו לענינען?

— איך דאַרף אים זאָגן אַ דאַנק.

— גיי צו יענעם הויז, אינגעלע, וועסטו דאָרטן געפינען כאַווער לענין.

איז מאָטעלע געגאַנגען און געגאַנגען, ביז ער איז געקומען צו אַ גרויס הויז. שטייען באַם טויער צוויי רויט-אַרמייער און פרעגן:

— ווער ביסטו, אינגעלע, און וואָס דאַרפסטו?

— איך בין מאָטעלע פון בירא-בידזשאַן. איך בין געקומען זאָגן אַ דאַנק דעם כאַווער לענין פאַר אַלע גוטע זאַכן, וואָס ער האָט פאַר אונדז געטאָן.

האָבן די רויט-אַרמייער אים אַריינגעפירט צו כאַווער לענינען.

## אין לענינס צימער



כאַווער לענין האָט געשמייכלט צו מאָטעלען, אָבער מאָטעלע האָט דערוויילע פאַרגעסן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. האָט אים כאַווער לענין געהייסן זיך זעצן און האָט אים געגעבן אַ גרויסן שיינעם עפּל. האָט מאָטעלע געגעסן און כאַווער לענין האָט גע-

שריבן. פרעגט מאָטעלע: — וואָס שרייבסטו אַזוי שנעל, כאַוועד לענין?

— פאַרשטייסט, מאָטעלע, אַ סאַך אַרבעטער שרייבן צו מיר בריוו און פרעגן וואָס צו טאָן, וויל איך אַלעמען ענטפערן. מוז איך שרייבן זייער שנעל.

כאַוועד לענין האָט גענומען פרעגן באַ מאָטעלען, ווי די אידן לעבן אין בירא-בידזשאַן און מאָטעלע האָט אים דערציילט, אַז זיי לעבן זייער גוט. האָט כאַוועד לענין זיך זייער געפרייט.

— מאָרגן, מאָטעלע, — האָט געזאָגט כאַוועד לענין, — וועסטו גיין מיט מיר צום ערשטן מיי פאַראַד...

## אוי, אַ כאָלעם!

— צום פאַראַד, צום פאַראַד... מאָטעלע! מאָטעלע! — האָט די מאַמע געשריען. — שטיי שנעלער אויף, מאָטעלע, וועסט פאַרשפּעטיקן צום ערשטן מיי פאַראַד!

מאָטעלע האָט געעפנט די אויגן:

— אוי, מאַמע, איך בין געווען באַ כאַוועד לענינען.

— וואו, מאָטעלע, אין כאָלעם?

## די צייטן פון יאָר

איצטער איז פרילינג,
מיט טויזנטער בלומען ;
ווער גאָר אין גיכן
דער זומער דאָ קומען !

אַוועק וועט דער זומער,
אַוועק מיט די בלומען ;
וועט אַף די פעלדער
דער האַרבסט קומען !

וועלן די ווינטן
ברענגען דעם רעגן ;
וועט ווינטער זיך לייגן
אַף ביימער און וועגן !

## אַ רעטעניש

דריי האָבן די ערד געפוצט,

דריי האָבן געוואַרעמט, געבראָטן,

דריי האָבן רעגנס געגאָסן,

דריי האָבן שנייען געוואָרפן.

# קלוגע ענטפערס

אַ קעניג האָט אַמאָל אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז קיינער זאָל ניט אַרויסגיין אין גאַס נאָך צוועלף אַזייגער באַנאַכט. ווער עס וועט ניט פאָלגן, וועט באַשטראָפט ווערן.

סאָלדאַטן זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און אָפּגעשטעלט אַלע מענטשן וואָס גייען אַרום שפּעט באַנאַכט.

איין נאַכט האָבן די סאָלדאַטן אָפּגעשטעלט דריי מענטשן.

— שטייט! — האָבן די סאָלדאַטן געזאָגט. — ווער זייט איר?

האָט איינער געזאָגט:

— דער קעניג קען ניט אויסקומען אָן מיר. ווען איך בין מיט אים, זיצט ער ערנסט אויפן שטול און בויגט איין זיין קאָפּ, ווען איך הייס אים.

דער צווייטער האָט געזאָגט:

— ווען ניט איך, וואָלטן דער קעניג און אַלע רייכע לייט פאַרפראָרן געוואָרן פון קעלט. זיי וואָלטן ניט געקענט אַרויסגיין פון הויז.

און דער דריטער האָט געזאָגט:

— ווען ניט איך, וואָלטן דער קעניג און זיינע מיניסטאָרן ניט געקענט אַרומגיין.

די סאָלדאַטן האָבן מורא געהאַט צו באַשטראָפן אַזעלכע וויכטיקע מענטשן און האָבן זיי געבראַכט אין פּאַלאַץ.

דאָרטן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער איז אַ שערער, דער צווייטער — אַ שניידער און דער דריטער — אַ שוסטער.

# קיין בירא־בידזשאַן

פאָרט אַ אינגעלע,
פאָרט אַ אינגעלע,
מיט אַ וואָגן, מיט אַ פערד,
פליען פעלדער, שווימט די ערד.
פאָרט אַ אינגעלע מיט דער באַן
קיין בירא, בירא-בידזשאַן!

פייפט אַ פייפעלע,
פייפט אַ פייפעלע,
פו-פו, פו-פו, פו-פו!
שלעפט די באַן זיך שאַ נאָך שאַ,
ציילט ער שאָען אַף דער באַן
קיין בירא, בירא-בידזשאַן!

פליט אַ רויכעלע,
פליט אַ רויכעלע,
זאָגט אָן, זאָגט אָן, אַז זיי זיינען דאָ
אין אַ גוטער, גוטער שאָ.
און דאָס אינגעלע אויפגעהעלט
האָט דערזען אַ נייע וועלט.

שטייט אַ שטיבעלע
מיט אַ אידעלע,
און דאָס אידעלע אַפּן דאַך:
קלאַפּט די נעגל: טראַך-טראַך-טראַך!
העלפט דאָס אינגעלע צו מיט מוט.
זאָגן אידן: איי, ס׳איז גוט!

טאַנצט אַ אינגעלע,
טאַנצט אַ אינגעלע,
טאַנצן שעפּסן אַפּן פעלד, —
פרייט זיך מיט די גאַנצע וועלט.
פרייט זיך אינגעלע — ס׳איז פאַראַן
אַ בירא, בירא-בידזשאַן!